


# אינפארמאציע וועגן געבורט עפידורעלס: באקומט ענטפערס פאר אייערע פראגעס

עדיוקעישאן סוב-קאמיטע פאציענט פר אדוקט פון די SOAP

שרייבער: Allison Lee, MD, MS

אויגוסט 2021

עס איז וויכטיג צו רעדן מיט אייער העלט-קעיר פראוויידערס וועגן באשלוסן וועגן וויטאג פארלייכטערונג ביים געבורט און צו באקומען ענטפערס פאר אייער ספעציפישע פראגעס.

מיר גלייבן אז יעדע טראגעדיגע פרוי זאל האבן די געציג צו מאכן וויסנשאפטליכע, שטארקע באשלוסן.

יעדע אינסטיטוציע וועט האבן אירע אייגענע פאליסיס און פראטאקאלן. די אינפארמאציע זאל ווערן גענוצט אלס אנווייזונגען און טוט נישט ערזעצן אייער אינסטיטוציע׳ס פראקטיקן.

נאך אלעם איז די באשלוס צו באקומען עפידורעל אייער באשלוס און איר זאלט שטענדיג האבן די רעכט צו טוישן אייער מיינונג דורכאויס די געבורט.

יעדע פרוי׳ס געבורט איז אייגנארטיג

## וואס איז א געבורט עפידורעל?

ביי א געבורט עפידורעל שטעקט מען אריין גאר א דינע פלאסטיק רער (אזוי דיק ווי אפאר האר), וואס איז באקאנט אלס אן "עפידורעל קאטעטער" אין די אונטערשטע טייל פון די פרוי׳ס רוקן. די קאטעטער ווערט אריינגעשטעקט נעבן די נערוון וואס טראגן די ווייטאג סיגנאלן צו די ספיינעל קארד אבער עס ווערט געלייגט אונטער די ספיינעל קארד זעלבסט.

## ווי לאנג נעמט עס פאר די ווייטאג צו ווערן לייכטער?

5-
20 מינוט ביז די ווייטאג ווערט אסאך לייכטער. עס קען נעמען ארום 10 מינוט צוצוגרייטן די געצייג פאר די עפידורעל.
איימאל די עפידורעל איז אריינגעשטעקט קען מען טוישן די דאזע לויט די געברויך דורכאויס די געבורט.

## וואס איז די חילוק צווישן אן עפידורעל און א ספיינעל אדער צוזאמגעשטעלטע ספיינעל עפידורעל פראצעדור?

ביי אן עפידורעל פראצעדור, קען די אנעסטיזשע קעיר פראוויידער אריינגעבן א דאזע פון ווייטאג מעדיצין אין די ספיינעל פליסיגקייט אין די רוקן, גלייך בעפאר זיי שטעקן אריין די קאטעטער (די פלאסטיק רער). דאס ווערט אנגערופן א "צוזאמגעשטעלטע ספיינעל עפידורעל" (COMBINED SPINAL EPIDURAL) " אדער**CSE** " אין קורצן. די מעדיצין ווערט אריינגעשפריצט אין די ספיינעל פליסיגקייט וואס פליסט ארום די נערוון און די ספיינעל קארד, דעריבער, הייבט עס אן צו ארבעטן שנעלער - ארום 5 מינוט ביז די ווייטאג ווערט אסאך לייכטער. אפאר מאל ווערט איין דאזע פון מעדיצין געגעבן, אן לאזן א קאטעטער. דאס איז וואס איז באקאנט אלס א ספיינעל.

## פאר ווי לאנג האלט זיך די ווייטאג פערלייכטערונג?

ווען די קאטעטער ווערט אריינגעשטעקט און בלייבט אין אייער רוקן, קען ווייטאג מעדיצין ווייטער ווערן געגעבן, געווענליך מיט א ספעציעלע פאמפ, ווי לאנג איר דארפט עס–ביז אביסל נאכן געבורט. אויב איין דאזע ווערט געגעבן מיט א ספיינעל, קען יענע דאזע זיך האלטן פאר ארום 90 מינוט.

ווען די קאטעטער ווערט באהאפטן צו א פאמפ פון מעדיצין, וועט איר געווענליך באקומען א קנעפל וואס איר קענט דרוקן צו זיך געבן עקסטערע דאזע פון ווייטאג מעדיצין אפאר מאל יעדער שעה לויט וויפיל איר באשליסט אז איר דארפט. עס איז נישט אומגעווענליך אז די אנעסטיזשע קעיר פראוויידער זאל דארפן צוריקקומען דורכאויס אייער געבורט אייך צו געבן נאך דאזעס (10-40% פון פאציענטן), ספעציעל ווען די קינד ווערט שוין כמעט געבוירן.









## וואס זענען די בענעפיטן?

עפידורעל ווייטאג פארלייכטערונג איז די מערסט עפעקטיווע סארט ווייטאג פארלייכטערונג וואס איז דא צו באקומען פאר געבורט - עס פארמיידט ליידן פון ווייטאג און העלפט אז די מאמע זאל האבן א פאזיטיווע געבורט.

עס ערלויבט א פרוי צו זיין אינגאנצן אויף און אויפמערקזאם פון די געבורט.

פאר א געבורט ווערט געווענליך גענוצט גאר שוואכע קאנצענטראציעס פון פארטייבנדע מעדעצינען און אפיאד ווייטאג מעדיצינען, דעריבער גייט בלויז גאר א קליינע צאל אריין אין די מאמע׳ס בלוט פלוס. דאס מיינט אז אנדערש ווי IV אסאך אנדערע סארטן ווייטאג פארלייכטערונג אזוויי מעדיצינען און מעדיצינען וואס מען אטעמט אריין, מאכט עס נישט מיד און איז פארזיכערט פאר די בעיבי.

איינמאל די עפידורעל ווערט אריינגלייגט, קענען געוויסע פרויען פילן מיד ווייל זייער ווייטאג איז ענדליך לייכטער געווארן, נישט ווייל די מעדיצינען זעלבסט מאכן אז מען זאל פילן מיד. דאס געבט א געלעגנהייט סיי פאר די פרוי און איר פארטנער זיך אפצורוען (אפילו שלאפן) דורכאויס די געבורט

די שטאפלען פון סטרעס הארמאנען שטייגן וועגן די ווייטאג פון די געבורט. עפידורעל ווייטאג פארלייכטערונג העלפט נידערן די שטאפלען פון סטרעס הארמאנען, וואס קען העלפן אראפברענגען די בלוט דרוק און הארץ ראטע, וואס ווערט אפאר מאל הויעך וועגן די ווייטאג פון די געבורט.

עס ערלויבט א לייכטערע און מעגליך מער פארזיכערטע אנעסטיזשע פאר א קייזער שניט געבורט. אויב אייערע אבסטעטרישנס באשליסן אז עס מען דארף מאכן א קייזער שניט, קענען ווערן געגעבן נאך שטערקערע פארטייבנדע מעדיצינען דורך די קאטעטער אין די רוקן. דאס פארמיידט פון דארפן נוצן א נייע ספיינעל איינשפריץ אדער אלגעמיינע אנעסטיזשע (אינגאנצן איינשלאפן און דארפן האבן א רער צו אטעמען).

## וואס זענען די ריזיקעס?

אזוויי יעדע פראצעדור, זענען די ריזיקעס קיינמאל נישט זערא, אבער אין די פאל זענען די בענעפיטן אסאך גרעסער פון די ריזיקעס. צומאל  קענען פאסירן קאמפליקאציעס, אבער אויב זיי פאסירן, ווערן זיי רוב מאל באהאנדלט אן קיין שלעכטע ווירקונגען פאר די פרוי אדער בעיבי.

## ערנסטע ריזיקעס זענען זייער זעלטן

### ערנסטע ריזיקע

| | |
|---|---|
| בלוט קלאט (העמאטאמע) אין די ספיין | **זייער זעלטן**<br>צווישן 1 אין 170,000 און 1 אין מיליאן |
| אינפעקציע אין די ספיין (אבסעס) אדער ארום די מח (מענינדזשייטיס) | **זייער זעלטן**<br>צווישן 1 אין 50,000 און 1 אין 100,000 |
| ערנסטע נערוון שאדן | **זייער זעלטן**<br>1 אין 250,000 |

### וויניגער ערנסטע ריזיקע

| | |
|---|---|
| Complications *from catheter in wrong location, causing accidental injection of medications into the spinal fluid or bloodstream* | **זעלטן** |
| שטארקע קאפ ווייטאג | **אומבאקאנט**<br>צווישן 1 אין 100 און 1 אין 500 |
| מאכט נישט די ווייטאג לייכטער אדער מאכט די ווייטאג לייכטער בלויז אויף איין זייט און מען דארף ערזעצן די עפידורעל | **באקאנט**<br>צווישן 1 אין 10 און 1 אין 50 |

## וואס זענען די (מעגליכע) זייטיגע ווירקונגען?

אייער בלוט דרוק ווערט איבערגעקוקט יעדע פאר מינוט גלייך נאך וואס די עפידורעל ווערט אריינגעלייגט. אויב אייער בלוט דרוק פאלט וועלן די אנעסטיזשע פראוויידערס געבן  פליסיגקייט און מעגליך אויך מעדעצינען צו הייבן אייער בלוט דרוק. געווענליך איז עס קורץ און רעאגירט שנעל צו די באהאנדלונג

**קראצעניש**



**פיבער**



**די פיס שפירן שווער**



**ווייטאג אין די רוקן פאר א פאר טעג**

רוקן ווייטאג וואס האלט אן פאר א לאנגע צייט ווערט נישט פאראורזאכט דורך עפידורעלן, אבער עס איז נארמאל נאך יעדע שוואנגערשאפט, צוליב די נארמאלע ווירקונגען פון שוואנגערשאפט אויף די מוסקלען און ליגאמענטן פון די רוקן.

## וויאזוי ווערט די פראצעדור דורכגעפירט? טוט עס וויי? איז עס געפארפול זיך צו באוועגן בשעת די פראצעדור?

- עפידורעלן ווערן געווענליך דורכגעפירט אין דעם געבורט־צימער וואו איר פלאנט צו געבן געבורט.

- איר קענט ערווארטן צו האבן אן IV, האבן אונטערגעזוכט אייער בלוט־דרוק, אייער הארץ ראטע, און מעגליך אויך אייער אקסיזשען שטאפל מיט א סענסאר אויף אייער פינגער, אין צוגאב פון נאכקוקן אייער בעיבי׳ס הארץ ראטע און די קאנטראַקשנס פון די יוטערוס.

- די פאזיציע פארן עפידורעל קען זיין אדער זיצן אויפגעשטעלט אדער ליגן אויף די זייט מיטן רוקן געבויגן ווי די אות "C ". די אנעסטיזשע פראוויידערס וועלן אייך מסביר זיין וואס איז די בעסטע פאזיציע, לויט די סיטואציע אדער לויט וואס זיי האלטן איז די בעסטע.

- עס איז א סטערילע פראצעדור, דערפאר וועט דער וואס טוט די עפידורעל טראגן א מאסקע און סטערילע הענטשוך, און וועט ריייניגן אייער רוקן מיט אן אנטי-סעפטיק פליסיגקייט.

- מען גיט א פארטייבנדע מעדיצין מיט א גאר קליינע נאדל. עס איז ענליך צו די פארטייבונג מעדיצין וואס מען גיבט ביים ציין-דאקטאר, און עס שפירט זיך ענליך ווי ווען מען הייבט אן א IV.

- נאכדעם וואס די ארט ווערט פארטייבט, איז נארמאל צו שפירן דרוק אין די רוקן ווען מען נוצט די עפידורעל נאדל צו טרעפן די ריכטיגע פלאץ.

- עס קען נעמען עטליכע מינוט צו עס ארייינצולייגן – יעדע מענטש איז אביסל אנדערש, און יעדע מאל קען עס פילן אביסל אנדערש. איימאל עס איז אין די ריכטיגע פלאץ, ווערט די רער אדער קאטעטער ארייינגעפירט אין די פלאץ דורך די נאדל, און די נאדל ווערט דערנאך ארויסגענומען. קיין שום שארפע זאך בלייבט נישט אין אייער רוקן.

- עס איז וויכטיג צו בלייבן רואיג און נישט מאכן קיין פלוצימדיגע באוועגונגען בשעת די פראצעדור. עס העלפט אויב איר זאגט פאר די אנעסטיזשע פראוויידער ווען א קאנטראקציע קומט.





## ווערט עס באגרעניצן די מעגליכקייט צו עסן, זיך באוועגן, ארומגיין אדער צו שטופן ווען די צייט קומט?

געווענליך דארף מען בלייבן אין בעט נאך וואס מען באקומט אן עפידורעל, און מען מעג געווענליך בלויז טרינקען קלארע פליסיגקייטן. עס איז נישט פארזיכערט צו גיין נאכדעם צוליב מעגליכע שוואכקייט, שוואכערע געפיל אין די פיס, פארלוסט פון באלאנס, און א העכערע ריזיקע פון פאלן. ווען איר מאכט דעם באשלוס צו נעמען אן עפידורעל, זאלט איר אפוועגן אייער חשק צו ווייטער אויפשטיין און ארומגיין מיט אייער חשק צו באקומען ווייטאג פארלייכטערונג

אן עפידורעל קען אויך אוועקנעמען די געפיל צו גיין אין בית הכסא, דערפאר ווערט א רער געווענליך ארייינגעלייגט (אן קיין ווייטאג) צו אויסליידיגן די בלעדער.



## איז דא עפעס א סיבה פארוואס איך זאל נישט מעגן באקומען איין? טוט די צייט אויסמאכן – קען עס זיין צו פרי אדער צו שפעט צו באקומען איינס?

עס זענען דא געוויסע מעדיצינישע צושטאנדן וואס קענען מיינען אז עס נישט פארזיכערט אדער עס איז זייער שווער צו ארייינלייגן אן עפידורעל. עטליכע ביישפילן זענען פראבלעמען מיט בלוט קלאָטן, אדער נעמען בלוט-דינענדע מעדיצינען, אדער אן ערנסטע אינפעקציע. דערפאר קען מען דארפן נעמען אייער מעדיצינישע היסטאריע און אמאל אויך בלוט טעסטן בעפאר מען קען ארייינלייגן אן עפידורעל.

א פרוי קען באקומען אן עפידורעל כמעט די גאנצע צייט דורכאויס די געבורט. אויב די בעיבי ווערט שוין אט אט געבוירן, קען עס זיין צו שפעט.

## ווען עס פארשטאטערן מיין געבורט?

אן עפידורעל קען אפשר מאכן די שטופ־פאזע פון די געבורט לענגער מיט ארום 30 מינוט ביי רוב מענטשן, און אמאל ביז 50 מינוט, אבער רוב מאל שפירט מען עס נישט, וויבאלד די גאנצע געבורט קען סייווי נעמען אסאך צייט.





## ווען עס פארגרעסערן מיין ריזיקע צו האבן א קייזער שניט געבורט?

באקומען אן עפידורעל פארגרעסערט נישט די ריזיקע פון האבן א קייזער שניט געבורט. עס קען אביסל פארגרעסערן די ריזיקע אז דער אבסטעטרישן וועט דארפן העלפן ארויסנעמען די בעיבי מיט ספעציעלע געצייג ווי א וואקיום אדער פארסעפס.

## וועט עס שאטן פאר מיין בעיבי?

עפידורעלן זענען פארזיכערט פאר אייער בעיבי. ווייניגער מעדיצין גייט אריין אין אייער בלוט פלוס ווי ביי אנדערע סארטן אדער IV מעדיצינען פאר ווייטאג, ווי צום ביישפיל דורך אן אריין אטעמט מען וואס מעדיצינען דורך.

## וועט מיין פארטנער קענען בלייבן מיט מיר בשעת די פראצעדור?

דאס ווענדט זיך אין די פאליסיס פון יעדע אינסטיטוציע באזונדער.

## וועט עס אפעקטירן מיין מעגליכקייט צו פיטערן דורך די ברוסט?

באקומען אן עפידורעל וועט אייך נישט פארמיידן פון ברוסט-פיטערן אייער בעיבי.



**אויסשליסונג:** די עדיוקעישאנעל מאטעריאלן וואס ווערן דא פארגעשטעלט זענען די מיינונגען פון די שרייבער און נישט קיין מעדיצינישע אנווייזונגען, זיי זענען נישט געמאכט צו שטעלן א לעגאלע סטאנדארט פון באהאנדלונג, און זיי ערזעצן נישט מעדיצינישע באהאנדלונג אדער די באשלוסן פון די פאראנטווארטליכע מעדיצינישע פראפעסיאנאל, לויט אלע אומשטענדן פון א ספעציפישע פאציענט. די מאטריאלן זענען נישט געמאכט צו פארזיכערן א ערפאלגרייכע פאציענט רעזולטאט אין יעדע סיטואציע, און זיי זענען נישט קיין פארזיכערונג פאר קיין ספעציפישע רעזולטאט. די מאטריאלן קענען ווערן אפדעיטעד און איבערגעארבעט פון

SOAP
Society for Obstetric Anesthesia and Perinatology

לערנט מער ביי **SOAP.org**